**נומער** 40

# ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו  א ר ד ע ר

**אננעמען די פליכט אויף ניו יארק צו זיין א 'באשעפטיגונג ערשט' סטעיט צו פארמערן גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס**

**אזוי ווי,** די סטעיט אָוו ניו יארק האט א דירעקטע אינטערעס צו עלימינירן זאכן וואס שטערן מענטשן פון טרעפן ארבעט און אנערקענט אז עקאנאמישע סטאביליטעט – אריינרעכענענדיג שיין-באצאלטע דזשאב – איז א געזעלשאפטליכע הינזיכט וואס איז משפיע אויף די געזונטהייט און אז א מענטשן'ס ארבעט פירט צו ממשיות'דיגע און אומדירעקטע בענעפיטן, אריינרעכענענדיג די באררייכערונג פון זעלבסטשטענדיגקייט און עקאנאמישע אומאפהעניגקייט, און אזוי אויך א געפיהל פון האבן א תכלית, א בכבוד'דיגע לעבן, זעלבסט-שאץ און א געפיהל פון סיפוק און שטאלץ; און

**אזוי ווי,** די סטעיט אָוו ניו יארק אנערקענט אז באלדיגע שריט און סערוויסעס, ווי קאריערע פלאנירונג, טרענירונג, קאריערע אנטדעקונג, אינטערנשיפּס, קאמיוניטי ערפארונגען, אנטוויקלונג פון 'סאָפט' סקילס, קאריערע-ספעציפישע טרענירונג און אלגעמיינע ארבעטסקראפט צוגרייטונג אקטיוויטעטן, קענען זיין נויטיג צו ארויסהעלפן מענטשן מיט דיסאביליטיס לענגאויס זייער וועג צו די געוואונטשענע ארבעט תוצאות אדער צו רעספעקטירן די אויסוואהלן און ציהלן פון דעם מענטש;

**אזוי ווי,** די סטעיט אָוו ניו יארק שטיצט די ערווארטונג אז מענטשן מיט דיסאביליטיס אין די יארגאנג פון מענטשן וואס ארבעטן זאלן קענען באקומען גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג און ביישטייערן צו די סטעיט'ס עקאנאמיע, מיט אדער אן שטיצע; און

**אזוי ווי,** די סטעיט אָוו ניו יארק אנערקענט די וויכטיגקייט פון לאזן א מענטש מאכן באשלוסן ווען זיי האבן אלע נויטיגע אינפארמאציע און פון פערזענליך-צענטרירטע פלאנירונג וואו דער מענטש באטייליגט זיך פולשטענדיג ביים פלאנירן, זיך גרייטן און זוכן ארבעטס געלעגנהייטן; און

**אזוי ווי,** די סטעיט אָוו ניו יארק אנערקענט אז יונגע מענטשן מיט דיסאביליטיס נויטיגן זיך אין עדזשוקעישען, דזשאב טרענירונג און ארבעטס-צוגרייטנדע אריבערגאנג סערוויסעס און שטיצע זיי צו העלפן מצליח זיין אין די ארבעטסקראפט; און

**אזוי ווי,** די סטעיט אָוו ניו יארק שעצט ביזנעסער וואס אנערקענען די טאלאנטן און סקילס וואס מענטשן מיט דיסאביליטיס ברענגען צו זייער ארבעטסקראפט; און

**אזוי ווי,** די סטעיט אָוו ניו יארק וועט אננעמען און איינפירן די 'באשעפטיגונג ערשט' פרינציפן וואס ווערן פארגעלייגט אין די ארדער אלס טייל פון א נאציאנאלע באוועגונג צו גיבן פריאריטעט פאר גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג אלס די געוואונטשענע תוצאה ביים פלאנירן אדער צושטעלן סערוויסעס און שטיצע פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס וועלכע זענען אין די יארגאנג פון מענטשן וואס ארבעטן;

**יעצט, דערפאר, טו איך, קעטי האקול,** גאווערנער פון די סטעיט אָוו ניו יארק, מיט די כוח פון די אויטאריטעט וואס איז געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע פון די סטעיט אָוו ניו יארק, דערמיט ארויסגעבן די ארדער ווי פאלגנד:

**A. באדייט פון באגריפן**

1 ״סטעיט אגענטור״ זאל האבן די זעלבע באדייט ווי דער טערמין אין טייל 74 פון די פובליק באאמטע געזעץ.

2. "דיסאביליטי" וועט האבן די זעלבע באדייט ווי דיווארט האט אין טייל 292(21) פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ.

3. "אויסגעמישט" מיינט:

א. ווען עס באציהט זיך צו דאס צושטעלן סערוויסעס, מיינט דאס אזא סארט פלאץ וואס געפונט זיך געווענטליך אין די קאמיוניטי, וואו די מענטשן וואס באקומען סערוויסעס קומען אין בארירונג מיט מענטשן מיט און אן דיסאביליטיס, און

ב. ווען עס באציהט זיך צו די ענדגילטיגע ארבעטס פלאץ, מיינט דאס א סארט פלאץ וואס געפונט זיך געווענטליך אין די קאמיוניטי וואו אפליקאנטן אדער בארעכטיגטע מענטשן קומען אין בארירונג מיט מענטשן אן דיסאביליטיס, חוץ פון די מענטשן אן דיסאביליטיס וועלכע שטעלן צו

סערוויסעס פאר די אפליקאנטן אדער בארעכטיגטע מענטשן, אויף אזוי וויט ווי מענטשן אן דיסאביליטיס אין ענליכע פאסטנס קומען אין בארירונג מיט אנדערע מענטשן.

4. "גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג" וועט מיינען אזעלכע ארבעט:

א. וואס ווערט געטוהן אין די געהעריגע דזשאב מארקעט, אויף א פול-טיים אדער פארט-טיים אופן אין א אויסגעמישטע פלאץ; און

ב. פאר וועלכע א מענטש ווערט באצאלט די מינימום געהאלט אדער מער און נישט ווייניגער פון די געווענטליכע געהאלט און שטאפל פון בענעפיטן וואס ווערט באצאלט דורך דעם ארבעטסגעבער פאר די זעלבע אדער ענליכע ארבעט וואס ווערט געטוהן דורך מענטשן וואס זענען נישט דיסעיבעלד.

**B. פאראנטווארטליכקייטן**

**1.** די גאווערנער'ס טשיעף דיסאביליטי אפיס (Chief Disability Office, CDO) וועט זיין פאראנטווארטליך צו קאארדינירן ניו יארק'ס 'באשעפטיגונג ערשט' איניציאטיוון.

2. אין צוזאמענארבעט מיט די CDO, וועט יעדע סטעיט אגענטור ארבעטן צו זיכער מאכן אז די פאלגנדע 'באשעפטיגונג ערשט' פרינציפן ווערן א רוטינע טייל פון זייערע אפעראציעס:

- דאס האבן א דיסאביליטי טוט נישט אין סיי וועלכע וועג אוועקנעמען פון די רעכטן וואס מענטשן האבן צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט אין זייערע קאמיוניטיס, צו באשטימען זייערע ציהלן אין לעבן, צו מאכן באשלוסן האבנדיג אלע נויטיגע אינפארמאציע, צו האבן באדייטפולע קאריערעס און קשרים, צו ביישטייערן צו די געזעלשאפט און צו ווערן פולשטענדיג אריינגערעכנט און אריינגענומען אין די געווענטליכע עקאנאמישע, פאליטישע, געזעלשאפטליכע, קולטורישע און עדזשוקעישען-פארבינדענע געביטן פון לעבן פון די אמעריקאנע געזעלשאפט.
- בכבוד'דיגע באטייליגונג אין די ארבעטסקראפט איז א פונדאמענטאלע געביט פון לעבן פאר מענטשן מיט און אן דיסאביליטיס, פארבעסערנדיג די עקאנאמישע זעלבסטשטענדיגקייט, גיבנדיג א געפיהל פון האבן א תכלית, שטיצנדיג אומאפהענגיקייט, אויספארעמען די פערזענליכע אידענטיטעט און די וועג וויאזוי מיר פאסן אריין אין אונזער קאמיוניטי.
- מענטשן מיט דיסאביליטיס, אריינרעכענענדיג די וואס האבן די מערסט באדייטנדע דיסאביליטיס, קענען באקומען גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג אינערהאלב די אלגעמיינע ארבעטסקראפט, ארבעטנדיג זייט ביי זייט מיט קאלעגן אן דיסאביליטיס, ווען זיי ווערן צוגעשטעלט די נויטיגע שטאפל פון פערזענליך-צוגעפאסטע סערוויסעס און שטיצע, אויב נויטיג.
- גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג איז די געוואונטשענע תוצאה פאר אלע ניו יארקער מיט דיסאביליטיס אין די יארגאנג פון מענטשן וואס ארבעטן.
- אלע שילער וואס האבן דיסאביליטיס דארפן באקומען די עדזשוקעישען, טרענירונג און סערוויסעס וואס זענען נויטיג אז זיי זאלן קענען באקומען גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג אלס ערוואקסענע. דאס רעכנט אריין ארבעטס-גרייטקייט סערוויסעס און אריבערגאנג פלענער פאר שילער וואס גייען ארויס פון שולע, ווי פארלאנגט דורך דעם 'מענטשן מיט דיסאביליטיס אין עדזשוקעישען געזעץ' (Individuals with Disabilities in Education Act).
- פערזענליך-צענטרירטע פלאנירונג און דאס שעצן דעם מענטשן'ס אייגענע שטימע זענען פריאריטעטן און זאלן אריינגעלייגט ווערן אין פאליסיס און אין די אויסשטעל און איינפירונג פון פראגראמען און ביים צושטעלן סערוויסעס. די באטייליגונג פון פערזענליכע און סיסטעמישע שתדלנים און קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן ווערט אנגעקוקט ווי א גוטע זאך.
- די ארבעטסקראפט דארף אפשפיגלען די פארשידנארטיגקייט אין די באפעלקערונג פון די קאמיוניטי וואו די ארבעט ווערט געטוהן.
- די באקאנטשאפט פון די פובליקום מיט די ווערט פון באשעפטיגן מענטשן מיט דיסאביליטיס דארף פארמערט ווערן, אריינרעכענענדיג דורכן ארבעטן מיט ניו יארקע ארבעטסגעבער צו העלפן פארמערן פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט, אריינעמונג און צוגענגליכקייט אלס א לייזונג צו זייערע ארבעטסקראפט באדערפענישן און אויסברייטערן ארבעטס געלעגנהייטן פאר ניו יארקער.
- דאס ווערן געגעבן אלע נויטיגע אינפארמאציע בעפארן מאכן באשלוסן, רעספעקט פאר פריוואטקייט און געהיימקייט, דאס ווערן צוגעשטעלט בייהילפיגע טעכנאלאגיע און דאס אריינעמען אויפגעוויזענע שיטות ביים ארבעטן צו פארשאפן גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג זענען וועזנטליך.
- מענטשן מיט דיסאביליטיס וואס באקומען רעגירונג בענעפיטן דארפן געשטיצט ווערן מיט זייערע באמיאונגען ארבעטנדיג צו ערגרייכן פינאנציעלע זעלבסטשטענדיגקייט, אריינרעכענענדיג דורך צוזאמענארבעט צווישן סטעיט רעגירונג שותפים, דורך קענטעניס פון פינאנציעלע נושאים, בענעפיטן פלאנירונג און גיבן ראט ווי עס פעהלט זיך אויס.

**C. באריכטונג**

1 די CDO – אין צוזאמענארבעט מיט די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People with Developmental Disabilities), העלט דעפארטמענט, אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health), אפיס פאר אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office for Addiction Services and Supports), אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office for Children and Family Services), לעיבאר דעפארטמענט, אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) און די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט – וועט אפשאצן די ווירקזאמקייט פון יעצטיגע פראקטיקן און אויפקומען מיט א פלאן ביז אקטאבער 1, 2025, אויסגעשטעלט צו אוועקנעמען שטערונגען און אננעמען פראקטיקן, פראצעדורן אדער כללים צו זיכער מאכן אז גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג ווערט אנגעקוקט אלס די ערשטע אפציע און די געוואונטשענע תוצאה ביים פלאנירן און צושטעלן סערוויסעס. פלענער וועלן אריינרעכענען וויאזוי די אגענטור וועט אויפקומען מיט א פערזענליך-צענטרירטע פלאנירונג פראצעדור צו אידענטיפיצירן די געוואונטשענע ארבעט תוצאה אדער וועג צו גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג פאר יעדער מענטש אין די יארגאנג פון מענטשן וואס ארבעטן וואס באקומט סערוויס פון די אגענטור. די CDO וועט מאכן א בויגן און א פארמאט פאר סטעיט צו אפשאצן די ווירקזאמקייט פון זייערע יעצטיגע פראצעדורן.

2. די CDO – אין צוזאמענארבעט מיט די סטעיט אגענטורן וואס זענען אויסגערעכנט אין די ערשטע פאראגראף פון די טייל – וועט איבערקוקן און איבערארבעטן די רעקאמענדאציעס יערליך כדי צו פארזיכערן אנגייענדע פארשריט צו ערגרייכן די ציהל פון גלייכע און אויסגעמישטע באשעפטיגונג פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. די אגענטורן וועלן שרייבן א יערליכע פארשריט באריכט און מאכן רעקאמענדאציעס פאר די CDO זיך באציהענדיג צו די איינפירונג פון די 'באשעפטיגונג ערשט' פרינציפן ביז אקטאבער 1 יעדעס יאר.

**D. טרענירונג**

די CDO וועט מאכן טרענירונג מאטעריאלן פאר 'באשעפטיגונג ערשט' פרינציפן. טרענירונג וועט ארייננרעכענען אינפארמאציע איבער וויאזוי סטעיט אגענטורן קענען אפפערן באשעפטיגונג סערוויסעס צו ארויסהעלפן מענטשן מיט דיסאביליטיס ביים באקומען באשעפטיגונג סערוויסעס וואס קומען אמבעסטן נאך זייערע באדערפענישן.

**E. זיך דורכרעדן**

די CDO וועט ארבעטן צו פארזעצן די אנטוויקלונג און איינפירונג פון פאליסיס צו נאכקומען די ציהלן פון די עקזעקיוטיוו ארדער זיך דורכרעדנדיג מיט די הויפטן פון סטעיט אגענטורן און מיט דעם קאמישאנער פון די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט.

די עקזעקיוטיוו ארדער וועט מבטל זיין און קומען פאר עקזעקיוטיוו ארדער 136 וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אום סעפטעמבער 1, 2014; מיט די תנאי אבער אז ביז די סטעיט אגענטורן וועלן אננעמען א פלאן אונטער די 'באשעפטיגונג ערשט' פרינציפן אין די ארדער וועט די סטעיט אגענטור ווייטער אנהאלטן אלע פאליסיס וואס זענען איינגעפירט געווארן אונטער עקזעקיוטיוו ארדער 136.

ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און דער פאראהאלטענער זיגל פון דער א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אין די סיטי אָוו אלבאני, אום דעם 30'טן טאג פון סעפטעמבער אין דעם יאר צוויי טויזנט פיר און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער